און דער ״עזר״ ווערט נמשך אויך אין סדר השתלשלות, און בגילוי און איז פועל דארט – ״עזרי מעם ה׳ עושה שמים וארץ״[41], ביז אין שמים וארץ כפשוטם.

לקוטי שיחות ח״כ ע׳ 124 ואילך

41) תהלים שם, ב. וראה לקו״ת שמע״צ שם.

ב

כב. האמור לעיל וועגן דעם וואס בקביעות שנה זו איז כ׳ מרחשון ביום השבת, איז ניט אן ענין וואס איז פארבונדן במיוחד מיטן הולדת וגיל (– עלטער) פון רבי׳ן נ״ע.

עס איז אבער אויך דא אן ענין מיוחד אין ענין ההולדת פון שנה זו, בשינוי (ובהוספה) אויף יום ההולדת אין די שנים שלפנ״ז:

אנהויבנדיק דערפון וואס בכל שנה ושנה איז ״יורד אור חדש עליון יותר שלא הי׳ מאיר עדיין מימי עולם אור עליון כזה״[103] [אין אן אופן פון ״מעלין בקודש״[104] – ווארום ״מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל״[105] איז אזוי ווי ס׳איז דא דער ציווי פון ״מעלין בקודש״, איז פארשטאנדיק אז אזוי איז עס אויך למעלה, און דערפון קומט דאס אזוי אראפ אויך למטה].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז יעדן יאר אין יום ההולדת (כולל פון שנה זו) קומט צו אן ״אור חדש״ לגבי די שנים שלפנ״ז – ע״ד ווי דאס איז בנוגע צו אלע ענינים (אז בכל שנה ושנה איז ״יורד אור חדש עליון יותר״), ובפרט ווען עס רעדט זיך וועגן אן ענין פון א נשיא בישראל.

כג. נוסף אויף דעם וואס בכל שנה ושנה קומט צו אין יום ההולדת אן ״אור חדש״ וואס איז ניט געווען אין די שנים שלפנ״ז – זיינען דא זמנים מיוחדים וואס דעמולט קומט צו אן ענין וואס איז גרעסער, אדער אפילו שלא בערך לגבי דער הוספה וואס קומט צו בכל שנה ושנה.

ובדוגמא ווי דאס איז בנוגע צו דעם ענין פון לימוד התורה, אז אע״פ אז בכל שנה ושנה דארף מען מוסיף זיין אין לימוד התורה, מצד דעם ענין פון ״מעלין בקודש״, איז אבער דא א הוספה מיוחדת בשנה זו, שנת השמיטה, אז דעמולט

103) אגה״ק סוסי״ד.

104) ברכות כח, א. וש״נ.

105) תהלים קמז, יט. וראה שמו״ר פ״ל, ט.

דארף מען מוסיף זיין אין לימוד התורה אין אן אופן וואס איז שלא בערך, וויבאלד אז דעמולט איז מען פנוי פון עבודת האדמה.

וי"ל – אז וויבאלד עס קומט א זמן מיוחד אין וועלכן מ'דארף מוסיף זיין אין לימוד התורה אין אן אופן וואס איז שלא בערך – איז דא דער ציווי פון "שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור"[106], כדי "שתהי' כל השנה הבטלה מעבודת האדמה מוכנת לעבודתו"[107].

[ניט ווי מען לערנט בכלל אז אזוי ווי אין שנת השמיטה איז מען פנוי פון עבודת האדמה, און מ'האט צייט, במילא איז דער מסובב אז מען דארף דעמולט מוסיף זיין אין לימוד התורה – נאר (געשמאקער איז צו זאגן אז) אדרבה: וויבאלד אז מ'דארף בשנה זו מוסיף זיין אין לימוד התורה, טאר מען זיך ניט פארנעמען מיט עבודת האדמה].

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו דעם ענין פון יום ההולדת: נוסף אויף דער הוספה וואס עס קומט צו בכל שנה ושנה, זיינען דא שנים ותקופות מיוחדות וואס אין זיי קומט צו א הוספה אין אן אופן וואס איז שלא ע"ד הרגיל ביז – שלא בערך.

ולדוגמא: יעדער תקופה פון עשר שנים איז אן ענין מיוחד, און ווען עס גייען דורך עשר שנים קומט צו א הוספה מיוחדת – ווי ס'איז פארשטאנדיק דערפון וואס די משנה זאגט אין אבות[108] "בן עשרים לרדוף, בן שלשים לכח וכו'",

וואס דאס איז אזוי בגשמיות (אז אין יעדער תקופה פון עשר שנים קומט צו א נייער ענין) – דערפאר וואס "נשתלשלו מהן"[109], וויבאלד אז אזוי איז עס אין פנימיות הענינים.

כד. עד"ז איז דא אן ענין מיוחד וואס קומט צו אין יום הולדת הנ"ל פון שנה זו:

אין כ' מרחשון פון שנה זו הויבט זיך אן שנת המאה ועשרים פון יום ההולדת פון רבי'ן נ"ע, וואס די הולדת איז געווען אין כ' מרחשון שנת כתר"א (כידוע דער סימן בזה[110]), און אין כ' מרחשון שנת תש"מ הויבט זיך אן שנת המאה ועשרים.

ידוע די שקו"ט צי לאחרי ההסתלקות איז דא דער ענין פון זמן (אז אויך ווען די נשמה געפינט זיך למעלה, רעכנט מען די הוספה ומספר השנים) – ובלשון

---

106) בהר כה, ד.

107) ספורנו עה"פ שם, ב.

108) פ"ה מכ"ב, וראה לקו"ש ח"ב ע' 593 ובהע' 13 שם.

109) ל' התניא רפ"ג.

110) היום יום ע' קו.

הגמרא[111] "יש בגר בקבר" (אז אויך לאחר מיתה איז דא דער ענין פון בגרות), כמבואר בארוכה באם ראגאטשאווער[112].

וואס אין דערויף איז דא א רשימה (בירור), פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[113], וואס דארטן שרייבט ער אז זיין פאטער האט אים דערציילט אז "במעל"ע זה שנתמלאו שמונים וארבע שנים לירידת נשמתי בעולם התחתון .. הנה כל אחד מכ"ק רבותינו ואבותינו הק' יאמר דרוש על פסוק דקאפיטל פ"ד", וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויך לאחרי ההסתלקות איז דא (און אויך למעלה) דער ענין פון מספר השנים – לויט דעם זמן פון ב"ד של מטה[114],

נוסף אויף כללות הענין וואס "מה זרעו בחיים אף הוא בחיים"[115], אז מצד דערויף וואס עס זיינען דא תלמידיו און תלמידי תלמידיו, איז "אף הוא בחיים" (בעוה"ז ובזמן שלו) – קומט נאך צו אין דערויף אז אויך ווי די נשמה געפינט זיך פאר זיך למעלה, איז דא די הוספה פון שנים וכו'.

כה. דער ענין המיוחד וואס איז דא אין דעם מספר פון מאה ועשרים שנה – ווייס אויך א בן חמש למקרא, ווארום ער האט שוין געלערנט דעם פסוק[116] "והיו ימיו מאה ועשרים שנה", ד.ה. אז דעמולט איז תכלית השלימות פון חיי האדם[117].

אין דערויף קומט צו נאך אן ענין:

אויפן פסוק "והיו ימיו מאה ועשרים שנה", זאגט רש"י: "עד ק"ך שנה אאריך להם אפי, ואם לא ישובו אביא עליהם מבול".

ד.ה. אז די "מאה ועשרים שנה" זיינען געגעבן געווארן כדי אז מ'זאל תשובה טאן, און דורך דעם מבטל זיין גזירת המבול.

און ווי רש"י[118] זאגט אז בנוגע צו התחלת המבול שטייט "ויהי הגשם", וויבאלד אז "כשהורידן הורידן ברחמים אם יחזרו יהיו גשמי ברכה, וכשלא חזרו היו למבול".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אפילו ווען דער מבול האט זיך שוין

---

111) כתובות לט, א.

112) צפע"נ לרמב"ם הל' תשובה פ"ח ה"ד.

113) נדפסה בהקדמה לד"ה סמוכים לעד פר"ת (ברוקלין, תש"ב). הוספות לסה"מ פר"ת ע' שנז.

114) ראה לקו"ש ח"ה ע' 103 ואילך והע' 45, דמ"ש בפנים הוא גם להדעה דאין בגר בקבר, ע"ש.

115) תענית ה, ב.

116) בראשית ו, ג.

117) ראה זח"א נח, א (ובדרך אמת ובנצו"א שם). ל"ת להאריז"ל עה"פ.

118) ע"פ נח ז, יב.

אנגעהויבן, האט מען נאך אלץ געקענט תשובה טאן, און דעמולט איז אדרבא – דאס וואלט געווען "גשמי ברכה", נאר אזוי ווי מ'האט ניט תשובה געטאן, איז קיין ברירה ניט געווען און עס איז געווען דער מבול.

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק דער גודל הענין פון "מאה ועשרים שנה" – אז דאס איז אן ענין וואס קען מבטל זיין גזירת המבול, און נאכמער – ברענגען "גשמי ברכה"[119].

כו. וויבאלד אז אין כ' מרחשון דשנה זו הויבט זיך אן שנת המאה ועשרים פון יום ההולדת, איז עס אויך פארבונדן מיטן קאפיטל ק"כ פון תהלים [כידוע דער מנהג[120] "לאמר הקאפיטל תהלים המתאים למספר שנותיו"] – וואס אין כ' מרחשון שנת כתר"א האט זיך אנגעהויבן אמירת קאפיטל א', ועד"ז אין די שנים שלאח"ז, ביז צו כ' מרחשון שנה זו, וואס דעמולט הויבט זיך אן אמירת קאפיטל ק"כ.

און ווי מ'געפינט אין ספר המאמרים תר"פ[121] (וואס איז געדרוקט געווארן לאחרונה) אז דארטן איז דא א מאמר[122] אויף קאפיטל ס' פון תהלים (וויבאלד אז דעמולט איז געווען התחלת שנת הששים).

ועד"ז געפינט מען אויך אין די מאמרים פון שנת עזר"ת (ווי דער רבי נ"ע רופט אן דעם יאר) וואס געפינט זיך בדפוס שוין א משך זמן, און מסתמא וועט דאס זיין פארטיק אין די ימים הקרובים,

[מ'האט געוואלט אז ס'זאל זיין פארטיק צום יום ההולדת, אז מ'זאל שוין דעמולט קענען לערנען אין דעם – אבער בפועל איז עס ניט ארויסגעקומען.

בנוגע צו הדפסת התניא דערציילט מען דאך[123] אז דער אלטער רבי האט געוואלט אז ס'זאל פארטיק ווערן בתחלת כסלו כדי אז מ'זאל קענען אין דערויף לערנען בי"ט כסלו, און בפועל האט זיך די הדפסה געענדיקט בכ' כסלו.

עכ"פ זאל מען זעהן אז ס'זאל ווערן פארטיק אין די ימים הסמוכים צו כ' מרחשון (ע"ד ווי דער תניא איז אפגעדרוקט געווארן כ' כסלו) – צו כ"א מרחשון אדער כ"ב מרחשון וכו',

---

119) ועאכו"כ לאחרי מ"ת – ראה לקמן [לקו"ש ח"כ. המו"ל] ע' 520.

120) מכ' כ"ק מו"ח אדמו"ר מט' טבת תש"ט (נדפס בקובץ מכתבים לתהלים ע' 214. אגרות קודש שלו ח"י ע' נג).

121) ע' סד ואילך.

122) ונאמר (חלקו) בכ' מ"ח דשנה ההיא ("היום יום" כ' מ"ח).

123) קצוה"ע לתניא ע' קיט ואילך.

און וויבאלד אז דאס איז א נייע זאך, ווערט מען זיך צוכאפן דערצו און מ׳וועט דאס לערנען מיט א חיות נוסף וכו׳, ווי דער מיטעלער רבי שרייבט[124] אז דער דרך איז אז ווען עס קומט א נייע זאך, לערנט מען דאס מיט מער חיות כו׳].

וואס דארטן איז דא א מאמר אויפן פסוק ״למנצח אל תשחת לדוד מכתם״ – דער ערשטער פסוק פון קאפיטל נ״ז פון תהלים.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנדו״ד, אז דער יום ההולדת בשנה זו איז פארבונדן מיט קאפיטל ק״כ פון תהלים.

כז. אין קאפיטל ק״כ הויבט זיך אן א נייער ענין אין תהלים – די ט״ו קאפיטלעך פון ״שיר המעלות״, וואס אלע ט״ו קאפיטלעך זיינען איין המשך.

דער ענין פון ״שיר המעלות״ האט אויך א שייכות מיט כ׳ מרחשון – און אין דערויף זעט מען א דבר פלא, אז בשעת ״מ׳לעבט מיט דער צייט״, מיט די ענינים פון תורה וואס זיינען פארבונדן מיט דער צייט[125], זעט מען דעם קשר ושייכות צווישן די ענינים פון תורה מיט די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט דעם זמן:

דער ענין פון כ׳ מרחשון איז פארבונדן מיט הפצת התורה (ווי גערעדט פריער בארוכה), וואס דאס האט א שייכות מיוחדת מיט יעקב אבינו, ווי דערמאנט פריער (ס״ט) אז יעקב איז געווען ״יושב אהלים״, ביז אז מ׳זאגט ״ויקם עדות ביעקב ותורה שם בישראל״.

און דאס האט א שייכות מיוחדת מיט דעם ענין פון ״שיר המעלות״ – דער קאפיטל ק״כ פון תהלים, וואס איז פארבונדן מיט יום ההולדת פון שנה זו:

אויפן פסוק[126] ״וישכב במקום ההוא״ וואס שטייט אויף יעקב אבינו, שטייט אין מדרש[127] ״כאן שכב, אבל כל י״ד שנה שהי׳ טמון בבית עבר לא שכב״, און דערנאך ברענגט זיך א צווייטע דעה אז ״כאן שכב, אבל כל כ׳ שנה שעמד בביתו של לבן לא שכב״, ווי עס שטייט[128] ״ותדד שנתי מעיני״.

דערנאך איז ער ממשיך אין מדרש[129] ״ומה הי׳ אומר״ –

[בנוגע צו די י״ד שנה וואס ער איז געווען בבית עבר, איז קיין שאלה ניט ״מה הי׳ אומר״, ווארום דעמולט איז ער געזעצן און געלערנט תורה, אבער בנוגע צו די כ׳ שנה וואס ער איז געווען בבית לבן, איז די שאלה ״ומה הי׳ אומר״] –

124) בהקדמתו לדרך חיים.

125) ראה היום יום ע׳ קא [ב חשון. המו״ל]. סה״ש תש״ב ע׳ 29 ואילך.

126) ויצא כח, יא.

127) ב״ר פס״ח, יא.

128) ויצא לא, מ.

129) וראה גם ב״ר פע״ד, יא.

"ר' יהושע בן לוי אמר ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים, מאי טעמי', שיר המעלות לדוד לולי ה' שהי' לנו יאמר נא ישראל[130], ישראל סבא (יעקב אבינו). ר' שמואל בן נחמן אמר כל ספר תהלים הי' אומר, מה טעם, ואתה קדוש יושב תהלות ישראל[131], ישראל סבא".

ועפ"ז יש לומר ולבאר דער קשר ושייכות פון "שיר המעלות" מיט יום ההולדת פון כ' מרחשון.

כח. דער ביאור אין דעם מדרש הנ"ל:

זייענדיק בבית לבן איז דאך יעקב אבינו געווען אין א מעמד ומצב של גלות, ער איז אוועקגעגאנגען פון בית יצחק אביו, און געקומען אין בית לבן,

און דארטן האט ער זיך פארנומען מיט צאן לבן, וואס "צאן" איז מלשון יציאה[132], דאס איז מחוץ פון ענין הקדושה.

ביז אז זיין געפינען זיך אין בית לבן האט גע'פועל'ט ביי אים א ירידה כביכול ממדריגתו[133], ווי רש"י[134] זאגט אז יעקב האט געזאגט "אם לרמאות הוא בא גם אני אחיו ברמאות", ד.ה. אז ביי אים איז געווען דער ענין פון רמאות בדוגמת הרמאות פון לבן[135].

און ווי געזאגט פריער אז זייענדיק אין בית לבן האט ער זיך פארנומען מיט בירורים בענינים וואס זיינען מחוץ לענין הקדושה – ווי לבן האט געזאגט "הבנות בנותי והבנים בני והצאן צאני גו'"[136], וואס וויבאלד אז די טענה ווערט געבראכט אין "תורת אמת" איז עס אן ענין אמיתי, ווי דער מיטעלער רבי[137] איז מבאר, אז דאס זיינען געווען די בירורים וואס יעקב האט מברר געווען פון די ענינים פון לבן, און דערפאר זאגט מען "הבנות בנותי וגו'", וויבאלד אז דאס זיינען די בירורים פון עולמו של לבן.

און ווי מ'זעט אויך בפשטות הענינים, אז יעקב האט געזאגט "הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה ותדד שנתי מעיני"[128], ער האט ניט געהאט ניט קיין טאג

130) תהלים קכד, א.

131) שם כב, ד.

132) תו"א ויצא כג, ג. תו"ח שם לח, ב. וישלח לט, ג ואילך.

133) ע"ד מ"ש באברהם (לך לך יב, יא) ויהי כאשר הקריב לבוא מצרימה (ראה תורת הבעש"ט בזה – הובאה במאור עינים ס"פ שמות).

134) עה"פ ויצא כט, יב.

135) ראה סה"מ עת"ר ע' עג. ד"ה פדה בשלום תרס"ח, תש"ג.

136) ויצא לא, מג.

137) ראה תו"ח ויצא ד"ה וישכם לבן. וישלח ד"ה וישלח יעקב פ"א־ד.

און ניט קיין נאכט, וואס דאס איז געווען פארבונדן מיט א צער גדול, ביז ווי דער אלטער רבי[138] זאגט אז "צע"ג מיעקב אבינו שאכלו חורב וקרח", ווי שטימט דאס מיט דער דעה וואס האלט אז אסור לצער גופו אפילו לצורך ממון,

ווערט דאך די שאלה: ווי אזוי איז ער דורכגעגאנגען און בייגעשטאנען דעם ענין הגלות — "ומה הי' אומר" ?

אויף דערויף זאגט דער מדרש, אז דאס איז געווען דורך די "ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים", אדער דורך "כל ספר תהלים", וואס דאס האט אים געגעבן דעם כח אז ער זאל קענען דורכמאכן דעם ענין הגלות.

כט. די הוראה דערפון אין עבודת האדם:

בשעת אידן געפינען זיך אין גלות, ד.ה. אז בנו יחידו פון מלך מלכי המלכים הקב"ה געפינט זיך אין גלות, און אין א חושך כפול ומכופל, ביז אין "צוק העתים" (ווי דער אלטער רבי ברענגט דעם לשון אין אגה"ק בכ"מ[139]), מ'געפינט זיך אין א מעמד ומצב של מצוקה — ווערט די שאלה: ווי אזוי וועט מען קענען דורכמאכן און ביישטיין דעם ענין הגלות?!

ביז אז עס ווערט די שאלה: "מאין יבוא עזרי" (וואס דער פסוק שטייט אין איינע פון די "ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים"[140])?!

וואס דאס איז דאך א שאלה וואס ווערט געבראכט אין "תורת אמת" — ע"ד די שאלה וואס ווערט געבראכט אין תורה בנוגע צו שנת השמיטה, "וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית"[141], וואס א שאלה געבראכט אין "תורת אמת", איז א שאלה וואס האט אן ארט אין תורה[142].

מען איז ניט שולל אז עס איז ניטא וואס צו פרעגן די שאלה פון "מה נאכל", דערפאר וואס מ'דארף זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן — ווארום "אין סומכין על הנס"[143], ער גלויבט באמונה שלימה אין דעם אויבערשטן, אבער אעפ"כ האט ער דעם ציווי אז ער דארף טאן ענינים ע"פ דרך הטבע, און דערפאר איז דאס א שאלה וואס האט אן ארט אין תורה.

---

138) שו"ע חו"מ הל' נזקי גוף ונפש ס"ד בקו"א. וראה לקו"ש ח"ו ע' 328.

139) רסט"ז. ועוד.

140) תהלים קכא, א. וראה ב"ר פס"ח, ב.

141) בהר כה, כ.

142) ראה — בענינו — לקו"ש ח"א ע' 107.

143) ראה פסחים סד, ב.

און תורה דארף ענטפערן אויף דער שאלה – ״וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית ועשת את התבואה לשלש השנים״[144], ניט קיין ענין פון ״וצויתי את ברכתי לכם״ סתם, נאר ״בשנה הששית״ דוקא, וואס דעמולט איז (דא דער ציווי פון) ״שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמר כרמך״, וועט אין דערויף זיין די ברכה פון דעם אויבערשטן, ביז אז ״ועשת את התבואה לשלש השנים״.

ועד״ז בנדו״ד – תורה פרעגט אין נאמען פון א אידן ״מאין יבוא עזרי״?!

ל. אויף דערויף זאגט מען א אידן, אז ווי אזוי קען מען דורכגיין און דורכמאכן דעם ענין הגלות – דורך די ״ט״ו שיר המעלות שבספר תהלים״, און דורך ״כל ספר תהלים״, ע״ד ווי ס׳איז געווען בא יעקב אבינו[145].

און מ׳ברענגט די ראי׳ אויף דערויף (אויך) דערפון וואס עס שטייט ״ואתה קדוש יושב תהלות ישראל״ – כידוע תורת הבעש״ט בזה[146], אז דער אויבערשטער מצ״ע איז ״ואתה קדוש״, קדוש ומובדל פון עולמות, און כדי אז ס׳זאל זיין ״יושב״, ער זאל נמשך ווערן למטה (די המשכה למטה ביז אין אן אופן אז זי ווערט אנגערופן ישיבה[147]) – ווערט דאס אויפגעטאן דורך ״תהלות ישראל״, דורך דעם וואס אידן לויבן דעם אויבערשטן, זאגנדיק ברוך השם און געלויבט דעם אויבערשטער[148],

[וואס ווען מ׳זאגט ״ברוך השם״, איז ״השם״ א כינוי בלה״ק פון די שמות הקדושים, ווען מ׳זאגט אבער ״געלויבט דער אויבערשטער״, איז עס בכלל ניט בלה״ק, ס׳איז א ווארט אין לע״ז, און אעפ״כ זאגט מען אז דורך דעם וואס אידן זאגן ״געלויבט דער אויבערשטער״, ווערט אויפגעטאן אז ״ואתה קדוש יושב תהלות ישראל״].

און דעמולט האט מען דעם ענטפער אויף דער שאלה ״מאין יבוא עזרי״ – דער עזר קומט פון (דער דרגא פון) ״אין״, כמבואר בכ״מ[149] אז ״אין״ איז נאך העכער פון אלע שמות הקדושים,

און פון דארטן ווערט דאס נמשך און עס קומט אראפ למטה, ביז – אין ״(עזרי מעם ה׳ עושה) שמים וארץ״[150].

---

144) בהר שם, כא.

145) שבחי׳ האבות ישנה אצל כל אחד מישראל – תו״א ר״פ וארא.

146) כש״ט (הוצאת קה״ת) הוספות אות מז. וש״נ.

147) לקו״ת קדושים כט, ג. ועוד.

148) ראה גם כש״ט שם אות קצז. וש״נ.

149) ראה לקו״ת שלח נא, א (מזח״ג קכט, א), דבחי׳ אין הוא למעלה משם הוי׳. וראה לקו״ת שמע״צ צ, ב בענין מאין יבוא עזרי.

150) תהלים שם, ב. וראה ב״ר שם.

לא. אין דערויף קומט צו נאך אן ענין:

די "ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים" ווערן אנגערופן בשם "שיר", וואס "שיר" איז פארבונדן מיט אן ענין של שמחה גלוי', ווי ס'איז פארשטאנדיק פון דעם מאמרז"ל[151] "אין אומרים שירה אלא על היין".

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: די "ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים" האט יעקב אבינו געזאגט זייענדיק אין בית לבן, וואס דעמולט איז ער געווען אין א מעמד ומצב של גלות –

איז וויבאלד אז מדתו של יעקב איז מדת האמת[152] [ובפרט אז נוסף לזה איז נאך דא דער ענין פון "תתן אמת ליעקב"[153], כמבואר אין די דרושים פון צ"צ[154] אז נוסף אויף דעם וואס יעקב מצ"ע איז מדת האמת, קומט נאך צו דער ענין פון "תתן אמת ליעקב", א העכערע דרגא אין מדת האמת], איז ווי האט ער געקענט זאגן "שיר המעלות", אן ענין של שירה, זייענדיק אין א מעמד ומצב של גלות?!

איז דער ביאור בזה: יעקב אבינו האט געזעהן אין כללות ענין הגלות דעם תכלית הכוונה שבזה, וואס די כוונה פון כללות הגלות איז, אז ס'זאל זיין דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות"[25], און דערפאר איז ביי אים געווען די אמירה פון "שיר המעלות", אן ענין פון שירה, וואס איז פארבונדן מיט א שמחה גלוי'.

ח"ו צו זאגן אז דער מעמד ומצב הגלות איז דער מעמד ומצב אין וועלכן אידן דארפן זיך געפינען – דער גלות איז אן ענין פון "חושך" און אן ענין פון "סכלות" וכו', נאר די כוונה אין דערויף איז, אז ס'זאל זיין דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות".

וואס דערפון האט מען די הוראה פאר יעדער אידן, אז ווען ער גיט א קוק אויף דעם ענין הגלות, זאל ער זעהן דעם תכלית המכוון שבזה – אז ס'זאל זיין דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות", וואס דעמולט ווערט ער ניט נתפעל פון דעם חושך הגלות, ואדרבה, ער שטייט אין אן אופן פון שמחה, ביז אז ביי אים איז גאר דא אן ענין פון שירה, "שיר המעלות".

---

151) ברכות לה, א.

152) תניא פי"ג (יט, א).

153) מיכה ז, כ.

154) אוה"ת תשא ע' א'תתקנו ואילך.

וואס אויף דערויף דארף זיין "אשא עיני"[155] — מען דארף האבן "אויגן", און די אויגן דארפן זיין אין "פנים" (ניט אין "עורף", און ניט אין "קעשענע"[156]) — און דעמולט קען מען זעהן אין דעם גלות דעם תכלית המכוון שבזה[157].

ובדוגמא ווי ר' יוסי האט געזאגט[158] "מימי לא קריתי לאשתי אשתי כו' אלא לאשתי ביתי" — וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דער גודל המעלה אין דעם וואס ער האט אנגערופן אשתו "ביתו" — יעדער איינער קען דאך אנרופן אשתו מיטן נאמען "ביתו"?!

איז ידוע דער ביאור בזה[159], אז ר' יוסי איז געשטאנען אין א מעמד ומצב אז ער האט ניט געזעהן אין אשתו קיין אנדער זאך אויסער איר שלימות — דעם תכלית המכוון — דער ענין פון "ביתי", און דערפאר ווען ער האט געדארפט איר אנרופן, האט ער געהאט נאר דעם נאמען "ביתי".

ועד"ז בנדו"ד: ווען א איד גיט א קוק אויף כללות ענין הגלות, דארף ער זעהן אין דערויף דעם שלימות ותכלית המכוון שבזה, וואס דעמולט קען ער שטיין בשמחה, ביז אז ער זאגט "שיר המעלות".

וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך דעם וואס ביי אים איז "נפשו עיקר וגופו טפל"[160], און ניט נאר אז דער גוף איז "טפל", נאר ער איז בטל לגמרי, וואס דעמולט זעט ער ניט אין דעם ענין הגלות קיין אנדער זאך אויסער דעם תכלית המכוון שבזה — און דערפאר שטייט ער אין אן אופן פון שמחה, ביז אז ביי אים ווערט אן ענין של שירה — "שיר המעלות".

לב. האמור לעיל וועגן די "ט"ו שיר המעלות שבספר תהלים", איז אויך פארבונדן מיטן בית המקדש:

די משנה[161] זאגט אז עס זיינען געווען "חמש עשרה מעלות היורדות מעזרת ישראל לעזרת נשים, כנגד חמש עשרה שיר המעלות שבתהלים, שעליהן לוים עומדין בכלי שיר ואומרים שירה".

וואס די "חמש עשרה מעלות" פון ביהמ"ק, באווייזן אויף אן ענין פון עלי' מדרגא לדרגא אין עבודת ה' גופא, אן אופן פון "מעלין בקודש".

---

155) תהלים שם, א.

156) וכל' הכתוב (שופטים טז, יט) "השוחד יעור עיני".

157) להעיר מתנחומא ס"פ תולדות: אשא עיני אל ההרים . . זה משיח בן דוד.

158) שבת קיח, ב.

159) לקו"ש חי"ז ע' 174 ואילך.

160) ראה תניא רפל"ב.

161) סוכה נא, ב.

ויה״ר אז בקרוב ממש זאל מען זוכה זיין צום בנין ביהמ״ק השלישי, וואס דארטן וועלן זיין די ״חמש עשרה מעלות וכו׳״,

וואס דאס וועט זיין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, אין אן אופן פון ״מיד הן נגאלין״[162], ווארום וויבאלד אז ״דעתם קצרה״ (דערפאר וואס ״מרובים צרכי עמך״[163]), דארף די גאולה זיין ״מיד״ כפשוטו, אין דער מדידה פון זמן דא למטה,

בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

לג. בנוגע צו די ט״ו שיר המעלות, ברענגט זיך אין חיד״א[164] אז ״ט״ו שיר המעלות אמר דוד ע״ה כנגד ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״,

[ווארום אברהם אבינו האט געלעבט ״מאה שנה ושבעים שנה וחמש שנים״[165], און יצחק איז געבארן געווארן ווען אברהם איז געווען ״בן מאת שנה״[166], און יעקב איז געבארן געווארן ווען יצחק איז געווען ״בן ששים שנה״[167] — קומט אויס אז עס זיינען געווען ״ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״].

דערנאך ברענגט ער א צווייטן פירוש — אז די ט״ו שיר המעלות זיינען ״כנגד ט״ו תיבות שבפ׳[168] ויפגע במקום ויקח מאבני המקום, שמהאבן ההיא נעשו שיתין, והיא אבן השתי׳״.

און ער זאגט דארטן אז די פירושים זיינען גענומען פון ״רמזי רבני אשכנז הקדמונים״.

[אין טור[169] ברענגט זיך פון ״חסידי אשכנז״ אז ״היו שוקלין וסופרין מספר מנין תיבות התפלות והברכות (פון שמו״ע) וכנגד מה נתקנו״ — וצריך בירור צי דאס זיינען די זעלבע ״רבני אשכנז״ וועלכע דער חיד״א ברענגט בפירושו.

אבער עכ״פ, וויבאלד אז דער חיד״א ברענגט דאס בשם ״רבני אשכנז

---

162) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ה.

163) פיוט בתפלת נעילה, ע״פ ברכות כט, ב. וראה תו״א וישלח כו, רע״ג. ד״ה מים רבים תרל״ו בתחלתו.

164) בפירושו ״יוסף תהלות״ לתהלים קאפיטל ק״כ.

165) חיי שרה כה, ז.

166) פרשתנו כא, ה.

167) תולדות כה, כו.

168) ויצא כח, יא.

169) או״ח סקי״ג.

הקדמונים", קען מען זיך אויף דערויף פארלאזן],

לד. והביאור בזה – ובהקדים:

עס ברענגט זיך אין חסידות[170] א ביאור אויף דעם ענין פון "ונאספו שמה כל העדרים"[171], ע"פ משל פון א מלחמה, וואס מ'האט אפגעלערנט פון דער מלחמה וואס איז געווען אין די צייטן פון דעם אלטן רבי'ן:

דער סדר פון "מערכות המלחמה" איז, אז "מחלקים כל א' החיל שלו לג' חלקים, חלק א' באמצע . . ושתי ידות מימין ומשמאל, וכן מסדר גם הצד שכנגדו לג' חלקים כאלו, ונלחמים אלו מול אלו".

און די הצלחה אין דער מלחמה ווערט דורך דעם וואס מ'שטעלט אוועק "כל ג' מחנות שלו נגד מחנה וחלק א' של השונא, וזהו הנק' אטאקירען, כיון שכל ג' מחנות שלו מסבבים מחנה א' של השונא, ועי"ז יתגבר בודאי עלי', ואח"כ יעשה כן למחנה ב' של השונא וכן לג', עד כלותם".

און דערפון לערנט מען אפ בנוגע צו עבודת ה' [כתורת הבעש"ט[172] אז פון יעדן ענין וואס מ'זעט אדער מ'הערט, דארף מען ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה'] – ווי מ'דארף זיך פירן אין מלחמת היצר:

כדי אז מ'זאל קענען מנצח זיין אין מלחמת היצר, דארף מען מעורר זיין "כל ג' מדות דקדושה (אהבה ויראה און רחמים) לעומת מדת אחת דקליפה, ועי"ז בודאי יפילו וינצחו אותה, וזהו כמשל האטאקירען כו', וכמו"כ אח"כ יעירו ג' מדות דקדושה הנ"ל נגד מדה השנית דקליפה, עד כלותם",

און דערנאך איז ער מסיים אז דאס איז דער פירוש הפסוק "ונאספו כל העדרים, שהם אהוי"ר ורחמנות דקדושה כו'".

לה. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין אין דעם וואס דער חיד"א ברענגט אז "ט"ו שיר המעלות אמר דוד המלך ע"ה כנגד ט"ו שנים שחיו האבות ביחד":

מ'האט גערעדט פריער בארוכה, אז די ט"ו שיר המעלות האט יעקב אבינו געזאגט אין בית לבן, זייענדיק אין דעם מעמד ומצב פון גלות, און דורך דער אמירה פון די ט"ו שיר המעלות איז ער דורכגעגאנגען און בייגעשטאנען די אלע ענינים פון גלות.

---

170) דרוש הצ"צ – נעתק בהתמים חו' ג קכ, א.

171) ויצא כט, ג.

172) כש"ט הוספות אות קכז-קכט.

וואס בנוגע צו כללות ענין הגלות, זיינען דאך דא די צוויי סוגים כלליים פון גלות: גלות ישמעאל, און גלות אדום, וואס אויף יעדן אופן פון גלות דארף מען האבן א באזונדער אופן עבודה[173].

און אויף דערויף זאגט מען אז כדי מ׳זאל קענען דורכגיין און ביישטיין דעם ענין הגלות, דארף מען האבן די ״ט״ו שיר המעלות״ וועלכע זיינען ״כנגד ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״:

די ג׳ אבות זיינען דאך כנגד די ג׳ מדות דקדושה, אהבה ויראה ורחמים[174], און בשעת מ׳האט אלע ג׳ אבות ביחד, מ׳קלייבט צוזאמען אלע ג׳ מדות דקדושה ביחד, דעמולט[175] האט מען די נתינת כח אז מ׳זאל קענען ביישטיין די אלע נסיונות פון גלות און זיי מבטל זיין, ע״ד ווי גערעדט פריער (סל״ב) אז דורך דעם ענין פון ״ונאספו כל העדרים, שהם אהוי״ר ורחמנות דקדושה״, איז מען מנצח די ענינים פון לעו״ז[176].

לו. דער ענין פון צוזאמענקלייבן אלע ג׳ מדות דקדושה (״ונאספו כל העדרים״) – וואס דורך דעם גייט מען דורך דעם ענין הגלות, און מ׳איז מבטל די ענינים פון לעו״ז – איז פארבונדן מיט מספר ט״ו, ״ט״ו שיר המעלות״, און ״ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״.

והביאור בזה:

דער מספר ט״ו ווייזט אויף די אותיות י״ה פון שם הוי׳ (י״ה איז בגימטריא ט״ו)[177], וואס יו״ד איז דער ענין פון חכמה, און ה״א איז דער ענין פון בינה[178], וואס דאס זיינען ״הנסתרות לה׳ אלקינו״[179], דער ענין פון מוחין און התבוננות, עבודת התפלה[180].

---

173) ראה לקו״ת ואתחנן ה, א: זה לעומת זה, אברהם חסד דקדושה וישמעאל חסד דלעומת זה . . יצחק גבורה דקדושה וכנגדו גבורה דקליפה (עשו – אדום).

174) לקו״ת אמור לה, ג. ובכ״מ.

175) בלקו״ת ואתחנן ה, סע״א, שיעקב הוא ת״ת שמחבר חו״ג ״ולכן הוא בלבדו גלל האבן מע״פ הבאר״, אבל אין סתירה מזה למ״ש בפנים, כי עיקר הנצחון הוא דוקא כשיש גם הקוין חו״ג כמו שהם בפני עצמם (ולא רק כמו שהם כלולים בת״ת), כדמוכח מדרוש הצ״צ שבהע׳ 170 שגם התעוררות הרחמים אינו מספיק וצריך גם לאהבה ויראה.

176) ראה לקו״ת שם: וע״ז נאמר ונאספו שמה כל העדרים וגללו את האבן מע״פ הבאר כו׳, כל העדרים דוקא, היינו התכללות המדות, ואזי וגללו את לב האבן המטמטם הלב כו׳ (וראה לקמן סל״ז).

177) ראה אוה״ת ואתחנן ע׳ קטז: ט״ו שיר המעלות שאמר יעקב . . כדי להמשיך בחי׳ י״ה.

178) אגה״ת פ״ד (צד, ב ואילך).

179) ל׳ הכתוב – נצבים כט, כח.

180) לקו״ת ראה כט, א.

און דערנאך איז דא דער "והנגלות לנו ולבנינו"[179], ו"ה נגלות[180], וואס דאס איז דער ענין פון מדות און מעשה[181].

און אויף דערויף זאגט מען אז כדי ס'זאל זיין דער חיבור פון אלע ג' מדות דקדושה, אלע ג' קוין, דארף מען אנקומען צו דעם ענין פון י"ה (ט"ו), דער ענין פון מוחין.

והביאור בזה:

די מדות מצ"ע זיינען דאך דריי באזונדערע מדות, ג' קוין, און אויף דערויף זאגט מען אז "זמן תורה לחוד" און "זמן תפלה לחוד"[182], און דערנאך איז דא דער ענין פון "הנהג בהן מנהג דרך ארץ"[183].

וואס דאס איז אלץ ווי די מדות זיינען שוין בגלוי, ועד"ז ווען עס קומט דערנאך אראפ אין מעשה בפועל, וואס דעמולט ווערט דאס נחלק צו מ"ע און מל"ת וכו': אבער ווי די מדות שטייען בשרשם, אין דער התבוננות אין מוחין, עבודת התפלה, דארטן שטייען זיי אלע צוזאמען[184].

[וע"ד ווי מ'געפינט אין דעם ענין פון לימוד התורה, אז אע"פ אז לימוד התורה איז איינע פון די רמ"ח מ"ע, איז אבער דא דער ענין פון לימוד התורה ווי דאס איז דער שורש ומקור פון קיום כל המצוות (כולל אויך – מצות ת"ת), וויבאלד אז "תלמוד מביא לידי מעשה"[185].

ועד"ז בנוגע צו לימוד פנימיות התורה, אז אע"פ אז דאס איז א מצוה פרטית פון ידיעת הבורא וכו', וואס דאס איז א "מצוה רבה ונשאה"[186], גיט דאס אבער אריין א חיות וכו' אין כללות התורה ומצוות.

ועד"ז בנוגע צו עבודת התפלה, אז אע"פ אז דאס איז א מצוה פרטית, איז עס אבער אויך דער יסוד ושורש פון כללות התורה ומצוות[187].

ועד"ז געפינט מען בנוגע צו בנין ביהמ"ק [וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט די "ט"ו שיר המעלות", ווי געבראכט פריער (סל"ב) אז זיי זיינען "כנגד חמש עשרה מעלות היורדות מעזרת ישראל לעזרת נשים"], אז אע"פ אז דאס איז א

181) לקו"ת ואגה"ת שם.

182) שבת י, א.

183) ברכות לה, ב.

184) אע"פ שבפרטיות – יש התבוננות (ותפלה) דאהבה, או דיראה כו'.

185) קידושין מ, ב.

186) קו"א קנו, ב.

187) ראה לקו"ת בלק ע, ד. פ' ראה שם. ברכה צו, ב. ועוד.

מצוה פרטית, איז עס אבער אויך אן ענין כללי אין כללות התומ״צ (והעולם), ווארום ״מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״[188], ביז אז דורך די ״חלוני שקופים אטומים״[189] האט דאס גע׳פועל׳ט בכל העולם כולו[190].

ועד״ז בנדו״ד — אז אע״פ אז ווי די מדות שטייען בגלוי זיינען זיי דריי באזונדערע מדות, אעפ״כ, ווי זיי שטייען בשרשם אין דער התבוננות (איידער זיי קומען אראפ בגלוי), שטייען זיי אלע צוזאמען].

ועפ״ז איז פארשטאנדיק, אז כדי מ׳זאל קענען צוזאמענקלייבן אלע ג׳ מדות דקדושה, דארף מען אנקומען צו דעם ענין פון מוחין, עבודת התפלה, און דאס איז דער פארבונד מיט מספר ט״ו (״ט״ו שיר המעלות״, און ״ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״) — די גימטריא פון י״ה, דער ענין פון מוחין.

לז. האמור לעיל איז אויך פארבונדן מיטן צווייטן פירוש וואס ברענגט זיך אין חיד״א, אז די ט״ו שיר המעלות זיינען ״כנגד ט״ו תיבות שבפ׳ ויפגע במקום ויקח מאבני המקום, שמהאבן ההיא נעשו שיתין, והיא אבן השתי׳״.

והביאור בזה[191]:

אין דעם ענין פון ״ונאספו כל העדרים״, איז אויך מבואר[192] אז דורך דעם ענין פון ״ונאספו כל העדרים״, וואס דאס זיינען די ג׳ מדות דקדושה, ״אהוי״ר ורחמנות דקדושה״, ווערט אויפגעטאן דער ״וגללו את האבן מע״פ הבאר״.

וואס ״אבן״ באווייזט אויף גשמיות וחומריות העולם[193], ווארום צווישן די ד׳ סוגים פון דצח״מ איז עס דער סוג הכי תחתון, סוג הדומם —

און דורך דעם ענין פון ״ונאספו כל העדרים״, ווערט אויפגעטאן דער ״וגללו את האבן״, אז מ׳איז מברר די חומריות און די גשמיות פון וועלט, און מ׳איז דאס מהפך לקדושה.

און דאס איז אויך דער ענין פון ״ויפגע במקום גו׳[194] ויקח מאבני המקום״:

188) ישעי׳ ב, ג.

189) מ״א ו, ד.

190) ראה פרש״י ד״ה שקופים — מנחות פו, ב. ירושלמי ברכות פ״ד ה״ה.

191) בהבא לקמן עייג״כ צפע״נ עה״ת בראשית ב, ז.

192) דרוש הצ״צ שבהערה 170. לקו״ת שבהערה 176.

193) ראה לקו״ת שם: ש״אבן״ קאי על ״לב האבן המטמטם הלב״.

194) נוסף על האמור לעיל (סל״ו) שהצירוף והתכללות דהג׳ מדות דקדושה נעשה ע״י ענין המוחין, עבודת התפלה — שעפ״ז מובן הקשר שבין ה״ט״ו שנים שחיו האבות ביחד״ לה״ט״ו תיבות שבפ׳ ויפגע במקום״, מאחר ש״ויפגע במקום״ הו״ע התפלה (ברכות כו, ב. פרש״י עה״פ).

״אבני המקום״ באווייזן אויף ענייני עוה״ז, וואס יעדערער פון זיי איז תופס מקום לעצמו (״אבני המקום״), און ״אבני (המקום)״ איז לשון רבים, אן ענין של פירוד –

און אויף דערויף זאגט מען ״ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו״, און דערפון ווערט דער ״ויקח את האבן אשר שם מראשותיו״[195], ״אבן״ לשון יחיד[196], אז מ'איז מברר און מהפך די אלע ענינים פון עוה״ז לקדושה[197].

ביז וואנעט אז ״מהאבן ההיא נעשו שיתין, והיא אבן שתי״, וואס דאס איז פארבונדן מיטן בית המקדש,

און דערפון ווערט דאס נמשך אין דער גאנצער וועלט – כמרז״ל[198] בנוגע צו דער ״אבן שתי״ אז ״ממנה הושתת העולם״, ועד״ז בנוגע צו די ״שיתין״ וואס ״יורדין עד התהום״[199], וואס דער ״תהום״ איז דער יסוד פון כל העולם כולו.

לח. ויש לקשר האמור לעיל וועגן די ט״ו שיר המעלות, מיט דעם מספר פון ק״כ (וואס די התחלה פון ״שיר המעלות״ איז אין קאפיטל ק״כ פון תהלים) – וואס דאס איז אויך דער פארבונד מיטן יום ההולדת דשנה זו:

עס איז מבואר אין פע״ח[200] [בנוגע צו אמירת ״א־ל עליון״ אין תפלת העמידה, סיי אין ימות החול, און סיי אין שבתות וימים טובים] אז דורך דער הכאה (הכפלה) פון דעם אות יו״ד (חכמה) אין אות ה״א (בינה) [ווי די אותיות י״ה זיינען צוזאמען מיטן מילוי (מילוי אלפי״ן), וואס כללות ענין המילוי איז פארבונדן מיט גילוי לזולת[201]], ד.ה. צוואנציק (יו״ד) מאל זעקס (ה״א), קומט ארויס ק״כ, וואס דאס זיינען די ק״כ אורות.

און דער מספר ק״כ איז פארבונדן מיט (די ק״כ) צירופים פון שם אלקים[202] – מען טוט אויף דעם ״בראשית ברא אלקים״, מ'איז מגלה די כוונה הפנימית פון שם אלקים, כתורת הבעש״ט[203] בזה.

---

195) ויצא כח, יח.

196) ראה פרש״י עה״פ שם, יא. תנחומא ויצא א.

197) ראה תו״א ויצא כא, א־ב. ועוד.

198) יומא נד, ב.

199) סוכה מט, א.

200) שער העמידה פי״ב.

201) סידור קטו, ב. קנט, ב. ועוד.

202) לקו״ת ויקרא ו, רע״ג. ועוד.

203) סה״מ תש״ה ע׳ 74.

לט. בנוגע צו דעם מספר פון ק״כ, האט מען דערמאנט פריער (סכ״ה) אז ס׳שטייט ״והיו ימיו מאה ועשרים שנה״, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער מספר פון ק״כ, באווייזט אויף שלימות חיי האדם.

די שלימות פון ק״כ שנה איז אויך פארבונדן מיט תורה:

אויפן פסוק ״לא ידון רוחי באדם לעולם בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה״, זאגט די גמרא[204] ״משה מן התורה מנין בשגם הוא בשר״, וואס ״בשגם״ איז בגימטריא ״משה״[205] — און ענינו פון משה רבינו איז דער ענין פון תורה[206].

און דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס מספר שני חייו פון משה רבינו — איז אויך געווען מאה ועשרים שנה[207].

מ. אין דערויף קומט צו נאך אן ענין:

די שלימות פון ק״כ שנה איז ניט נאר בנוגע צו חיי האדם עלי אדמות, נאר אויך לאחרי ההסתלקות איז דא די שלימות פון ק״כ שנה. והביאור בזה:

אויפן פסוק ״והיו ימיו מאה ועשרים שנה״ פרעגט די גמרא אין ירושלמי[208]: ״קרוב לאלף שנה חי׳ אדם הראשון, ואת אמר והיו ימיו מאה ועשרים שנה״?!

[און נאכמער: אפילו אין דעם דור פון פלג, וואס ״בימיו נפלגה הארץ״[209], ״שעד פלג היו בני אדם חיים ארבע מאות שנה, אלא פלג לא חי׳ אלא ר׳ שנה ומעט״[210] — איז עס נאך אלץ געווען מער פון ״מאה ועשרים שנה״].

און די גמרא ענטפערט: ״אלא לק״כ שנה (אחר מותו) הוא חוזר למלוא תרווד אחד רקב״ — ווי די גמרא זאגט דארטן אז ״מלא תרווד אחד[211] נטל הקב״ה ממקום המזבח וברא בו אדם הראשון״, און ווען עס גייען דורך ק״כ שנה לאחר מותו, איז ער ״חוזר למלוא תרווד אחד רקב״, ווי ער איז געווען בתחלת בריאתו.

---

204) חולין קלט, ב.

205) פרש״י שם ד״ה בשגם.

206) כמ״ש (מלאכי ג, כב) זכרו תורת משה עבדי. וראה הערה הבאה.

207) ברכה לד, ז. וראה ספרי עה״פ.

ולהעיר מחדא״ג מהר״ל לחולין שם: כי מה שהיו ימי משה מאה ועשרים שנה הוא דבר מופלג בחכמה. וראה אוה״ת לתהלים (יהל אור) ע׳ שכד.

208) נזיר פ״ב ה״ב (לז, ב).

209) נח י, כה.

210) מדרש אגדה עה״פ. וראה דעת זקנים מבעלי התוספות עה״פ. ספורנו עה״פ.

211) שיעורו — ראה נזיר נ, ב.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז די שלימות פון ק״כ שנה איז (ניט נאר בנוגע צו חיי האדם עלי אדמות, נאר) אויך לאחר מיתה – וויבאלד אז דער קיום פון דעם גוף לאחר מיתה איז ביז ק״כ שנה [ע״ד ווי עס איז געווען בא משה רבינו, ובתכלית השלימות בעלמא דין אז ״לא כהתה עינו ולא נס ליחו״[212]], און דערנאך איז ער ״חוזר למלוא תרווד אחד רקב״, ער קומט צו דער שלימות פון ״ואל עפר תשוב״ – וואס ״נטל הקב״ה ממקום המזבח״.

* * *

מא. אויף צו מבאר זיין איין פסוק עכ״פ פון קאפיטל ק״כ – וועט מען זיך שטעלן אויפן פסוק ״אני שלום וכי אדבר המה למלחמה״ (וואס שטייט אין סיום הקאפיטל[213]), וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם וואס מ׳האט גערעדט פריער בנוגע צו דעם ענין פון ״שיר המעלות״:

דער כללות הענין פון מלחמה (״המה למלחמה״), איז פארבונדן מיט דער מעלה פון אתכפיא און אתהפכא, וואס דורך דערויף ווערט אויפגעטאן דער ״יתרון האור מן החושך״ און ״יתרון החכמה מן הסכלות״.

וכמבואר אין המשך תרס״ו[214] (פון בעל יום ההולדת) דער משל פון בן המלך, אז בשעת ער געפינט זיך אין היכל אביו המלך, איז עס ניט קיין חידוש, און עס איז ניט ניכר די מעלה פון בן המלך; און דוקא ווען דער מלך שיקט אים אוועק למרחקים, אין אן ארט וואו מ׳ווייסט גארניט וועגן מציאות המלך, און זייענדיק דארטן ווערט ער דערפון ניט נתפעל, און בלייבט במעמדו ומצבו, ואדרבה, ער פועל׳ט אויף די וואס געפינען זיך דארטן אז זיי זאלן האבן א שייכות מיטן מלך – אין דערויף ווערט נתגלה די מעלה פון בן המלך.

און דאס פועל׳ט אן עילוי אין דעם מלך, ווארום אע״פ אז דער מלך איז ״משכמו ומעלה גבוה מכל העם״[215], ביז אין אן אופן פון התנשאות עצמית, אעפ״כ, דורך דעם וואס עס ווערט נתגלה די מעלה פון בן המלך, פועל׳ט דאס אן עילוי אין דעם מלך.

ועד״ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו עבודת האדם – אז כללות ירידת הנשמה למטה, און כללות העבודה פון אתכפיא און אתהפכא (די מלחמה מיט לעו״ז), איז כדי צו מגלה זיין די כחות פון דער נשמה.

---

212) ברכה שם.

213) ו״הכל הולך אחר החיתום״ (ברכות יב, א).

214) ס״ע שפ ואילך.

215) ש״א ט, ב.

וואס אע״פ אז דער אויבערשטער ווייסט ווי עס וועט זיין עבודת הנשמה למטה (און ער ווייסט די כחות פון דער נשמה וכו׳) – איז אבער ניט מספיק דאס וואס מ׳ווייסט דערפון, נאר תכלית השלימות בזה איז, ווען עס קומט אראפ בפועל ממש, וואס דעמולט ווערן נתגלה די כחות פון דער נשמה[216].

ובדוגמא ווי דאס איז כביכול ביים אויבערשטן: כללות בריאת העולם איז כדי ״שיתגלו שלימות כחותיו כו׳״[217], דערפאר וואס עלה ברצונו (מטעם הידוע לו, אדער מטעם הכמוס) אז זיינע כחות זאלן ארויסקומען בגילוי, וואס דאס איז דוקא ווען עס קומט אראפ בפועל[218].

ועד״ז איז אויך אין עבודת האדם: דוקא דורך דעם וואס די נשמה קומט אראפ דא למטה, און דארטן איז זי עובד עבודתה אין אן אופן פון אתכפיא ואתהפכא – ווערן דעמולט נתגלה די כחות און די מעלה פון דער נשמה.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם ענין פון מעשה המצוות בפועל ממש, וואס דערמיט פארבינדט מען זיך מיט עצמות, ווי דער בעל יום ההולדת איז מבאר[219] אז ״כל המצוות מתייחסים אל העצמות״.

מב. עפ״ז וועט מען פארשטיין דעם ביאור אין דעם פסוק ״אני שלום וכי אדבר המה למלחמה״:

א איד מצ״ע דארף וועלן אז זיין עבודה זאל זיין אין אן אופן פון ״שלום״ (״אני שלום״), ד.ה. אז עס זאלן ניט זיין קיינע ענינים של נסיונות וכו׳, מיט וועלכע ער זאל דארפן פירן א מלחמה, ער איז מתפלל ״אל תביאני כו׳ לידי נסיון״[220].

ואדרבה: א איד טאר ניט זוכן קיין ענין של נסיון וכו׳, ווי ס׳איז אויך פארשטאנדיק דערפון וואס די גמרא[221] זאגט אז מ׳טאר ניט דורכגיין אין א שוק של ע״ז אדער אין א רחוב וואס איז היפך הצניעות.

וואס די עבודה אין אן אופן פון ״שלום״ (בלי ענינים פון נסיונות וכו׳) – איז כללות העבודה פון צדיקים.

מג. עס איז אבער דא דער ענין וואס ״המה למלחמה״:

---

216) ראה לעיל [לקו״ש ח״כ. המו״ל] ע׳ 284 ואילך, מעלת הפועל על הכח.

217) ע״ח שער ההקדמות הקדמה ג׳.

218) ראה לעיל [לקו״ש שם. המו״ל] ע׳ 283 ואילך.

219) סה״ש תורת שלום ס״ע 190 ואילך.

220) ברכות ס, ב.

221) ע״ז יא, ב. שם יז, סע״א ואילך. וראה גם טושו״ע יו״ד ר״ס קמט. אה״ע ר״ס כא.

"והאלקים נסה את אברהם"[222] – מען שטעלט אים אין א מצב וענין של נסיון, א מצב וואס ער דארף אנקומען צו דעם אופן העבודה פון מלחמה, דארף ער קענען ביישטיין דעם נסיון.

וואס דאס איז דער כללות הענין פון "נורא עלילה על בני אדם"[223], אז מ'ברענגט אים מלמעלה צו אן ענין של נסיון, וואס די כוונה בזה איז – "כי מנסה ה' אלקיכם אתכם לדעת הישכם אוהבים את ה' גו'"[224], כדי אז דורך עבודתו זאל זיין "מנסה" – הגבהה[225], יתרון האור מן החושך און יתרון החכמה מן הסכלות.

דאס איז כללות העבודה פון בעלי תשובה – און וויבאלד אז מלמעלה וויל מען אז ביי אים זאל אויך זיין די מעלה פון בעלי תשובה, "לאתבא צדיקייא בתיובתא"[226], ברענגט מען אים צו אן ענין של נסיון וכו', כדי אז ביי אים זאל אויך זיין די מעלה פון בעלי תשובה.

מד. און דאס איז אויך דער קשר מיט דעם ענין פון "שיר המעלות", אן ענין של שיר, וואס איז פארבונדן מיט דעם ענין השמחה:

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק – וויבאלד עס רעדט זיך וועגן אן עבודה וואס איז פארבונדן מיט אן ענין של מלחמה, איז וואס פאר א שייכות האט דאס צו דעם ענין פון שיר ("שיר המעלות") און שמחה?!

איז דער ביאור בזה פארשטאנדיק ע"פ האמור לעיל:

וויבאלד אז די כוונה פון דער מלחמה איז, אז ער זאל צוקומען צו דער מעלה פון בעלי תשובה, אז ביי אים זאל זיין דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות" – דערפאר איז דאס אן ענין אויף וועלכן מ'זאגט "שיר המעלות", אן ענין של שיר ושמחה.

מה. און וויבאלד אז די עבודה אין אן אופן פון מלחמה איז אויך אן ענין וואס איז פארבונדן מיט שיר ושמחה (מצד דער כוונה שבזה) – איז פארשטאנדיק, אז ער ווערט לגמרי ניט נתפעל פון דעם ענין המלחמה, און ער טוט די עבודה מיטן תוקף המתאים, וויבאלד אז ער ווייס אז דאס איז פארבונדן מיט "ילחם מלחמות ה'"[227].

---

222) פרשתנו כב, א.

223) תהלים סו, ה. וראה תנחומא וישב ד. תו"ח תולדות יג, א ואילך. ובכ"מ.

224) ראה יג, ד.

225) ראה סה"מ תר"פ ע' קיב ואילך. ועוד.

226) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. ובכ"מ. וראה זח"ג קנג, ב.

227) רמב"ם הל' מלכים ספי"א.

ובדוגמא ווי דאס איז אין דעם ענין המלחמה כפשוטה (בא כיבוש הארץ), אז פריער דארף מען אנהויבן מיט דעם ענין פון שלום ("וקראת אלי' לשלום"[228]),

[ע"ד ווי ס'איז געווען בא כיבוש הארץ, אז מצד דערויף וואס מ'האט זיך דערשראקן פאר אידן, איז "גרגשי פנה כו' והלך לו לאפריקי"[229]],

אבער בשעת מ'דארף אנקומען צו מלחמה, זאגט מען אז עס דארף זיין אין אן אופן פון "עד רדתה – אפילו בשבת"[230].

ד.ה. אז ווען מ'דארף אנקומען צו מלחמה, דארף מען זיך שטעלן מיטן תוקף המתאים, און מ'דארף ניט נתפעל ווערן פון א גוי, און אפילו ניט נתפעל ווערן פון א אידן!

ווייל דער תוקף איז ניט מצד "כחי ועוצם ידי"[231] ח"ו, נאר דערפאר וואס דאס איז "ילחם מלחמות ה'".

מו. און דורך דער עבודה אין אן אופן פון מלחמה, איז א איד מברר די ענינים פון עוה"ז הגשמי, און איז זיי מהפך לקדושה,

ווי גערעדט פריער בארוכה אז די עבודה פון יעקב איז געווען "ויקח מאבני המקום", נעמען די ענינים פון עוה"ז הגשמי ("אבני המקום") און מעלה זיין לקדושה.

וואס דאס איז דער כללות הענין פון "יעקב", יו"ד עקב[232], אז ער פארנעמט זיך מיט די דברים התחתונים (עקב), און איז זיי מעלה לקדושה.

וכמבואר אין חסידות[233] אז יעקב מצ"ע האט פארענדיקט דאמאלט זיין עבודת הבירורים, און מצדו האט שוין געקענט זיין דער "ועלו מושיעים" בהר ציון וגו'"[234], נאר ווען ער האט געשיקט די מלאכים צו עשו'ן, האבן זיי אים דערנאך געזאגט אז עשו איז נאך ניט גרייט, און דערפאר האט יעקב געזאגט אז "הצאן והבקר עלות עלי", ובמילא איז "אני אתנהלה לאטי גו'"[235].

---

228) שופטים כ, י.

229) ירושלמי שביעית פ"ו ה"א. ויק"ר פי"ז, ו.

230) שופטים שם, כ. שבת יט, א.

231) עקב ח, יז.

232) תו"א ויצא כא, א. וישב כט, א. ובכ"מ.

233) תו"א וישלח כד, סע"ב ואילך. תו"ח שם לט, ג ואילך.

234) עובדי' א, כא.

235) וישלח לג, יג־יד. וראה פרש"י עה"פ שם, יד.

מז. און כללות העבודה פון מלחמה, "ילחם מלחמות ה'", איז פארבונדן מיט "ובנה מקדש במקומו"[236] – בנין ביהמ"ק במקומו דא למטה, ניט נאר דער ביהמ"ק של מעלה.

וואס דער מקום פון דעם ביהמ"ק האט מען כובש געווען דורך א מלחמה, און אויך האט דאס דוד המלך אפגעקויפט פון ארונה[237].

וואס אין דערויף איז אויך מודגש דער קשר צווישן "ילחם מלחמות ה'", מיט "ובנה מקדש במקומו".

מח. האמור לעיל איז דיבור דרשות און רמזים וכו' – עס דארף אבער זיין א הוראה בנוגע למעשה בפועל (וואס "המעשה הוא העיקר"), מיט וועלכע מ'זאל אוועקגיין פון דער התוועדות.

וואס די הוראה איז – אז ס'זאל זיין דער ענין פון הפצת התורה, נגלה דתורה און פנימיות התורה, סיי בנוגע צו זיך, און סיי בנוגע צו הפצת התורה לרבים.

ולפועל:

יעדערער וואס געפינט זיך בא דער התוועדות און הערט וואס עס האט זיך גערעדט, ועד"ז יעדערער פון די וואס מ'וועט זיי איבערגעבן דאס וואס עס האט זיך גערעדט אין דער התוועדות (וואס זיכער וועט מען דאס איבערגעבן) – זאל נעמען צו זיך נאך צוויי אידן לכה"פ (וואס מיעוט רבים שנים), און פועל'ן בא זיי אז זיי זאלן (צוזאמען, באם אפשר) לערנען סיי נגלה דתורה און סיי פנימיות התורה, אין אן אופן פון "תורה אחת".

און ווי דער אלטער רבי זאגט אין הל' ת"ת[238] אז "מ"ע של תורה על כל חכם וחכם מישראל ללמד את כל התלמידים . . שנאמר[239] ושננתם לבניך . . אלו תלמידיך",

[סיידן ווען ער בייט א מצוה אויף אן אנדער מצוה – כידוע דער סיפור[240] אז דער אלטער רבי האט אמאל אריינגערופן א יונגערמאן (פון דעם מגיד'ס תלמידים), און האט אים געזאגט: איך האב א מצוה פון "ולמדתם אותם את בניכם"[241], דו האסט א מצוה פון זן ומפרנס בני ביתו, לאמיר זיך בייטן: איך וועל

236) רמב"ם שם.

237) דה"א כא, כב־ד. וראה לקו"ש ח"י ע' 62.

238) פ"א ס"ח.

239) ואתחנן ו, ז.

240) היום יום ע' כו [ח' אדר א. המו"ל].

241) עקב יא, יט.

דיר געבן דו זאלסט קענען מקיים זיין דיין מצוה, און דו לערן מיט מיין זון],

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז יעדערער דארף טאן אין דעם ענין פון הפצת התורה, בנוגע צו די אלע וואס ער קען צו זיי דערגרייכן.

וואס דאס איז נוסף לזה וואס יעדער תלמיד פון ישיבת תומכי תמימים דארף מוסיף זיין בא זיך בכמות ובאיכות, סיי אין נגלה דתורה און סיי אין פנימיות התורה, וואס נתגלתה בדורנו בתורת החסידות.

מט. עד״ז איז דא א הוראה וואס איז פארבונדן מיט די מוסדות פון ״תומכי תמימים״ (און אלע מוסדות וואס ווערן אנגערופן מיט א נאמען וואס איז פארבונדן מיט תו״ת):

אין די ערטער וואו עס זיינען שוין דא די מוסדות, זאל מען זיי פארברייטערן נאכמער, סיי בכמות און סיי באיכות, און אריינעמען אהינצו וואס מער תלמידים,

און אויך עפענען נייע סניפים פון ״תומכי תמימים״ – אין די ערטער וואו ס׳איז נאך ניטא קיין סניף.

וואס בשעת מ׳מאכט דעם חשבון וויפל יאר עס זיינען דורכגעגאנגען פון יום ההולדת פון רבי׳ן נ״ע אין שנת כתר״א, ביז היינט, וואס דאס איז הונדערט און צוואנציק יאר, און וויפל יאר עס זיינען דורכגעגאנגען פון התייסדות ישיבת תומכי תמימים אין שנת תרנ״ז (זאל יעדערער מאכן דעם חשבון אליין), און וויפל יאר עס זיינען דורכגעגאנגען זינט כ״ק מו״ח אדמו״ר האט אריבערגענומען און מייסד געווען ישיבת תומכי תמימים מעבר לים, אין חצי כדור התחתון, און מ׳זעט וואס עס האט זיך אויפגעטאן במשך פון דער גאנצער צייט –

איז דא פון וואס צו זיין שש ושמח, ווארום מ׳האט א סאך אויפגעטאן – דאס איז אבער נאך אלץ שלא בערך לגבי דאס וואס מ׳האט געקענט אויפטאן, והעיקר: וואס מ׳דארף אויפטאן, ווארום עס דארף זיין ״ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״[242]!

נ. און שטייענדיק אין יום ההולדת פון רבי׳ן נ״ע, וואס דעמולט איז ״מזלו גובר״ – האט מען די נתינת כח אויף די אלע פעולות,

און די געלט וואס מ׳דארף אויף דערויף האבן, איז שוין אויך דא מן המוכן, און מ׳גיט דאס מלמעלה יעדערן וואס וועט נאר טאן אין דעם – מ׳דארף נאר ניט נתפעל ווערן דערפון וואס עס קען זיין אז מ׳וועט דארפן אריינגיין אין א

242) ישעי׳ יא, ט.

חוב לזמן קצר עכ"פ, ווארום ס'איז א זיכערע זאך אז סוכ"ס וועט מען ניט בלייבן קיין בע"ח.

ובדוגמא ווי געזעדט כמ"פ[243] אז בשעת מ'גיט א שקל אחד לצדקה, גיט דער אויבערשטער די "ארבע הידות יהי' לכם"[244], לכה"פ נאך ד' שקלים, איז עד"ז אויך בנדו"ד, אז בשעת מ'וועט פארברייטערן די מוסדות און עפענען נייע מוסדות, האט מען די הבטחה אז "ארבע הידות יהי' לכם".

וכאמור אז ס'איז א זיכערע זאך אז מ'וועט ניט בלייבן קיין בע"ח – הלואי אז מ'זאל ניט בלייבן א בע"ח ברוחניות, אזוי ווי מ'וועט ניט בלייבן קיין בע"ח בגשמיות!

און דערפאר איז (כאמור) ווען מ'געפינט זיך אין יום ההולדת פון רבי'ן נ"ע, און מ'גיט א קוק אויפן לוח און מ'זעט אז ס'איז דורכגעגאנגען נאך א יאר פון יום ההולדת בשנה שעברה, און צוויי יאר פון יום ההולדת מיט צוויי יאר צוריק וכו' – כאפט מען זיך אז מ'דארף נאכמער מוסיף זיין אין די פעולות פון הפצת התורה,

וואס דערפאר דארף יעדערער פועל'ן כנ"ל לכה"פ אויף נאך צוויי אידן, אז בא זיי זאל זיין דער לימוד פון נגלה דתורה צוזאמען מיט פנימיות התורה,

ועד"ז אויך בנוגע צו די מוסדות פון תומכי תמימים – פארברייטערן די מוסדות הקיימים, און מייסד זין נאך מוסדות.

און אזוי ווי מ'שטייט אין יום ההולדת פון רבי'ן נ"ע, האט מען די הבטחה אז בשעת מ'וועט טאן אין דעם כדבעי, וועט מען מצליח זיין ביתר שאת וביתר עז.

און דאס וועט אויך געבן א תוספת ברכה, אין בני חיי ומזוני רויחי כפשוטו, ועאכו"כ ווי דאס איז ברוחניות הענינים, כמבואר אין דער צוואה פון בעל יום ההולדת (געדרוקט אין חנוך לנער[245]).

לקוטי שיחות ח"כ (בהוספות) ע' 399 ואילך

243) שיחת יום שמח"ת תש"מ [ס"ח; ס"ט ואילך – שיחו"ק ח"א 172 ואילך. המו"ל].

244) ויגש מז, כד.

245) ע' 48 ואילך.